# עולת שבת בשבתו

## ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר


בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | פרשת במדבר | כיתה ו׳ ז׳ תשע״א לפ״ק


## דורש טוב

**קוראין פרשת במדבר לפני שבועות:** אין שו״ע (סי׳ תכ״ח) ווערט געברענגט אז יעדער יאר ליינט מען פר׳ במדבר בעפאר שבועות, לכאורה וואס פארא שייכות האט פר׳ במדבר מיט שבועות?

ענטפערט דער **שיר ידידות** מיט דעם באקאנטן מדרש אז ביי קבלת התורה האבן די גוים געהאט טענות פארוואס אידן באקומען די תורה און נישט זיי, האט דער אייבערשטער זיי געפרעגט האט איר אויך געברענגט אייער יחוס בריוו אזוי ווי די אידן? קומט אויס אז פון דעם וואס אידן האבן יחוס און זענען זיך מתייחס נאך די אבות הק׳, נאר א דאנק דעם האבן זיי געקענט זוכה זיין צו קבלת התורה.

דאס איז דער טעם פארוואס פאר שבועות ליינט מען פר׳ במדבר אין וועלכן מ׳זעהט ווי אזוי די אידן האבן זיך מתייחס געווען נאך זייערע עלטערן, ווייל כדי מ׳זאל זוכה זיין צו קבלת התורה דארף מען האבן דעם ריכטיגן קשר מיט די אבות הק׳, ווייל נאר צוליב דעם האבן די אידן זוכה געווען צו קבלת התורה  און נישט די גוים.

*

**וימת נדב ואביהוא בהקריבם אש זרה וגו׳ ובנים לא היו להם:**

אין ספר **ילקוט האורים** ווערט געברענגט א קשיא, פארוואס שטייט "**וימת**" א לשון יחיד, זיי זענען דאך געווען צוויי מענטשן?

נאר די גמרא זאגט אז נדב ואביהוא זענען געשטארבן ווייל זיי האבן נישט חתונה געהאט, און איינער וואס האט נישט חתונה ווערט אנגערופן א האלבער גוף, קומט אויס אז נדב ואביהוא זענען נאר געווארן אנגערופן א האלבער גוף, אבער זיי צוויי אינאיינעם זענען געווען גערעכנט ווי איין גאנצער מענטש.

### ידיעות פון די וואך

## זכותם יגן עלינו – השם יקום דמם

אין די טעג און וואכן אין וואס מיר געפונען זיך יעצט, געפאלן די יארצייטן פון די גרעסטע טייל פון די קדושים פון אונגארן, אונזערע זיידעס און באבעס וואס זענען אומגעקומען על קידוש השם, אין די תקופה פון די צווייטע וועלט מלחמה מיט נאנט צו 70 יאר צוריק, סיון תש״ד.

טראצדעם וואס די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך שוין אנגעהויבן מיט עטליכע יאר פריער, נאך מיט 5 יאר פריער, אין יאר תרצ״ט לפ״ק, האבן שוין אידישע קינדער אין פוילן און אין אנדערע מקומות געליטן די צרות און רציחות פון די דייטשן ימ״ש, פונדעסטוועגן זענען זיי נאכנישט אריינגעקומען אין אונגארן ביז נאך פסח תש״ד, וואס דעמאלטס האבן זיי אקופירט אונגארן און פארכאפט די מאכט.

תיכף נאך פסח האבן זיי אריינגעטריבן אלע אידישע קינדער אין געטאס, וואס פון דארט האבן אנגעהויבן צו פארן טעגליכע טראנספארטן קיין אוישוויץ, ענדע אייר האבן די טראנספארטן אנגעהויבן צו פארן קיין אוישוויץ און במשך די עטליכע וואכן, פון ענדע אייר ביז חצי סיון, זענען טאג טעגליך אנגעקומען קיין אוישוויץ צענדליגער

טויזענטער אידן, צווישן זיי די גרעסטע גדולי ומאורי ישראל, וואס זענען אריינגעשיקט געווארן און די גאז קאמערן און זענען דארט פארברענט געווארן אויף קידוש ה׳.

דער גרעסטער טייל פונעם אונגארישן אידנטוהם, זענען אומגעקומען אין די דאזיגע טרויעריגע וואכן, כלל ישראל האט אין די וואכן פארלוירן הונדערטער צדיקי הדור, גדולי ישראל, קדושי עליון ומאורי ישראל.

מיר וועלן דא אויסרעכענען בלויז געציילטע פון די בארימטע גדולי ומנהיגי ישראל וואס זענען אין די וואכן גע׳הרג׳עט געווארן על קידוש ה׳, הרה״ק ר׳ **שלום אליעזר האלבערשטאם** מראצפערט זי״ע, דער זיידע פון כ״ק רבינו בעל ברך משה זי״ע (זיין מאמעס טאטע) - ט״ז סיון. הגה״צ ר׳ **יקותיאל יודא טייטלבוים** זצ״ל אב״ד סיגוט, דער עלטערער ברודער פון כ״ק רבינו בעל ברך משה זי״ע - כ״ה אייר. הגה״צ ר׳ **חיים יצחק אייזיק האלבערשטאם** זצ״ל אב״ד **סלאטפינא,** דער איידעם פון מרן העצי חיים זי״ע - ב׳ סיון. הגה״ק ר׳ **אליעזר פיש** זצ״ל דער **ביקסאד׳ער רבי** - כ׳ סיון, הגה״ק ר׳ **יצחק אייזיק ווייס** זצ״ל דער **ספינקער רבי** - י״ג סיון. הגה״צ ר׳ **דוד דוב מייזליש** זצ״ל דער **איהעלער רב** בעל בנין דוד - י״ד סיון. הגה״ק **ר׳ שלמה זלמן עהרנרייך זצ״ל** אב״ד **שימלוי** זצ״ל - י״א סיון. הגה״ק ר׳ **יושע בוקסבוים זצ״ל** אב״ד **גאלאנטא** - כ״ו סיון. הגה״ק ר׳ **יודא ראזנער זצ״ל** אב״ד **סעקעלהעיד** - ו׳ סיון.

הגם, עס איז נישט מעגליך געווען פעסטצושטעלן דעם גענויען יארצייט טאג פון די אלע קדושים, האט מען אבער קובע געווען אלע יארצייטן אין די וואכן, וואס דאן זענען אומגעקומען דער גרעסטער טייל פון די אונגארישע אידן.

**ארץ ארץ אל תכסי דמם, השם ינקום דמם השפוך למען כבוד שמו יתברך**

דאס זאגט דער פסוק: "וימת" **נדב ואביהוא,** אז נדב און אביהוא זענען געשטארבן, איז דאך שווער פארוואס שטייט א לשון יחיד, אויף דעם ענטפערט דער פסוק **ובנים לא היו להם,** זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער ווייל זיי האבן נישט חתונה געהאט, במילא זענען זיי ביידע אינאיינעם געווען גערעכנט נאר ווי איין מענטש, וועגן דעם שטייט א לשון יחיד.

*

**ואלה תולדות אהרן ומשה:** זאגט רש"י: מלמד שכל המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו.

דער **ילקוט האורים** זאגט א טייטשט אויף די רש"י, ווייל די גמרא זאגט אויב א מענטש דארף גיין אפגעבן די אבידה פון זיין טאטן און די אבידה פון זיין רבי׳ן, איז אבידת רבו קודמת, דארף ער קודם צוריק געבן פאר זיין רבי׳ן, ווייל זיין טאטע ברענגט אים נאר לחיי העולם הזה, אבער זיין רבי ברענגט אים לחיי העוה"ב.

דאס איז רש"י מרמז מיט די ווערטער: המלמד בן חבירו תורה "מעלה" האט א גרעסערע מעלה, ווי דער טאטע וואס איז ילדו. ווייל דער טאטע ברענגט אים נאר צו עולם הזה און דער רבי ברענגט אים לחיי העולם הבא.

# מוסר הפרשׁה

**כאשר צוה ה׳ את משה ויפקדם במדבר סיני:**

דער פסוק איז לכאורה געשריבן פארקערט, עס וואלט געדארפט שטיין, **ויפקדם במדבר סיני** ער האט זיי געציילט אין מדבר סיני, **כאשר צוה ה׳ את משה,** אזוי ווי דער אויבערשטער האט באפוילן משה רבינו?

ענטפערט דער הייליגער **קדושת לוי** זי"ע (הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב) אז עס שטייט אין די **ספרים הקדושים** אז יעדער איד האט א חלק אין די תורה, און יעדער איד האט איין אות אין די תורה, אזוי ווי עס איז מרומז אין די ראשי תיבות פון ווארט **ישראל,** יש ששים רבוא אותיות לתורה. אז עס איז דא זעקס הונדערט טויזנט אותיות אין די תורה.

קומט אויס אז ווען משה רבינו האט געציילט די אידן איז געווען גערעכנט ווי ער לערנט תורה, ווייל יעדער איד איז דאך א אות פון די תורה. דאס זאגט דער פסוק: **כאשר צוה ה׳ את משה,** אזוי ווי דער אויבערשטער האט באפוילן אלע מצוות פאר משה

רבינו ווען ער האט געלערנט מיט אים די תורה, אזוי איז געווען **ויפקדם במדבר סיני**, דאס ציילן אין מדבר סיני, ווייל דאס איז אויך געווען אזוי ווי לימוד התורה.

## מעשה רב

בשנת תש"ס לפ"ק האבן די תלמידים פון אונזער ת"ת בניני ווידער-פאלאטשעק זוכה געווען צו האבן א חשוב'ן גאסט **כ"ק הגה"צ רבי נחום צבי פיש זצ"ל דער ביקסאדער רבי** - א זון פון **הרה"ק רבי אליעזר פיש זצוק"ל** הי"ד דער ביקסאדער רבי פון די שטאט סאטמאר - וועלכער האט באזוכט דא אין די תלמוד תורה און ער האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר די קינדער שיחי', האט ער דאן צווישן זיינע ווערטער דערציילט די פאלגענדע מעשה, וואס ער אליין איז דערביי געווען:

דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז אמאל געווען אויף א ברית אין קראון הייטס וואו עס האט אין יענע צייט געוואוינט א גרעסערער ציבור פונעם רבי'נס חסידים, און נאכן ברית איז דער רבי געגאנגען באזוכן די סאטמארע תלמוד תורה אין קראון הייטס און פארהערן די קינדער. (אין יענע יארן ווען עס האבן געוואוינט אסאך היימישע אידן אין קראון הייטס איז דארט געווען א גרויסע שיינע תלמוד תורה מיט מערערע קינדער בליעה"ר, און דער רבי האט דארט באזוכט פון צייט צו צייט).

עס איז דעמאלטס געווען די סדרה פון פרשת במדבר, און דער רבי האט אנגעהויבן צו פארהערן די קינדער חומש רש"י, און ער האט געהייסן איין יונגל זאגן דעם פסוק (במדבר ב' ט"ז) "כל הפקודים למחנה ראובן וגו' ושניים יסעו" דער יונגל האט געזאגט דעם פסוק און ער האט געענדיגט "**ושניים יסעו, און די יארן מופן**"... (אין קראון הייטס פלעגט מען זיין געוואוינט צו רעדן מער ענגליש האט דאס יונגל אנשטאט 'ציהען' געזאגט מופן).

דער רבי האט זיך שטארק צושמייכלט הערנדיג דעם פשט און ער האט זיך אנגערופן "דער פשט איז נישט אמת, (ווייל ושניים יסעו טייטשט דאך אז זיי זאלן ציהען די צווייטע) **אבער דאס מעגן אפילו די עלטערע אויך הערן, ושניים יסעו, די יארן לויפן, זיי שטעלן זיך נישט אפ**"...

## הילולא דצדיקיא

קומענדיגן זונטאג כ"ה אייר העעל"ט איז די יארצייט פון

**כ"ק הגאון הצדיק רבי יקותיאל יודא טייטלבוים זצ"ל**

**אב"ד סיגעט יע"א – בעמח"ס יד יקותיאל**

**הגה"ע רבי זלמן לייב זצ"ל** הי"ד איז געבוירן געווארן בשנת תרע"ב צו זיין טאטן **מרן הגה"ק בעל עצי חיים זצוק"ל**, ער איז אלט געווען פערצן יאר בעת די פטירה פון זיין טאטן, ווען די גדולי הרבנים האבן אים מכתיר געווען אז ער זאל ממלא זיין מקום אבותיו הק' אלס **רב ור"מ אין סיגעט**.

אין ספר "**ומשה היה רועה**" ח"א ווערט דערציילט א מורא'דיגער עפיזאד וואס האט דערציילט הרה"ח ר' מרדכי נאווע ע"ה וועלכער האט זוכה געווען משמש צו זיין ביים **ביקסאדער רבי'ן זצ"ל**, אז ווען דער **עצי חיים** איז נסתלק געווארן האט מען נישט דערציילט פארן ביקסאדער רבי'ן פון

די פטירה, וויבאלד ער איז געווען א שוואכער מענטש, און מען האט מורא געהאט אז עס וועט אים שאטן. ער, ר' מרדכי, האט זיך יא מיטגעכאפט צו די לוי' קיין סיגעט, און ער איז דארט געבליבן ביז איבער שבת.

ווען ער איז צוריק געקומען זונטאג און ער קומט אריין צום ביקסאדער רבי'ן, האט ער אים באלד געפרעגט "וואו ביסטו געווען שבת? האט ער געזאגט "אין סיגעט". "וואו האט מען באהאלטן די ספר תורה?" האט דער ביקסאדער רבי געפרעגט. האט ער געזאגט אז מען האט אים געלייגט אינעם אוהל פון זיינע אבות. דער ביקסאדער רבי האט ווייטער געפרעגט "האט מען אויפגענומען ר' זלמן לייב'ן אלס ממלא מקום?", "יא". "ער האט געפירט טיש?", האט ער געענטפערט אז יא. "ער האט אויס געשפרייט דעם האנטוך אויפן טיש נאך די סעודה?" האט ער געזאגט "יא". איז דער ביקסאדער רבי געווען צופרידן "זייער פיין, זייער פיין".

עס איז אים געווען א חידוש נפלא, אז די שאלה איז געווען די איינציגסטע זאך וואס האט דעם ביקסאדער רבי'ן אינטערעסירט. אויך מיר האבן געהאט די זכי' צו זעהן די עבודה ביים רבי'ן בעל ברך משה זי"ע יעדן פרייטאג צו נאכטס ביים טיש, וואס ווי עס שיינט פון דעם עפיזאד ליגט באהאלטן דערין א געוויסע עבודה.

נאך די פטירה פונעם **עצי חיים** איז ער א חתן געווארן ביים פעטער **כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, און בשנת תר"צ האט ער חתונה געהאט מיטן רבי'נס צווייטע טאכטער **הרבנית הצדיקת מרת רחל ע"ה** די סיגעטער רביצין. און דאן איז ער אריבערגעפארן קיין סיגעט וואו ער האט אפעציעל איבערגענומען דאס רבנות.

ליידער האט פאסירט דער שרעקליכער אומגליק ווען בלויז איין יאר נאך די חתונה איז די סיגעטער רביצין נפטר געווארן.

בזיוג שני האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדיקת מרת גיטל יהודית ע"ה** די טאכטער פון זיין פעטער **הרה"צ רבי משולם זושא יצחק זצ"ל הי"ד, בן הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע הי"ד**, און ער האט געהאט מיט איר עטליכע קינדער, וואס זענען נעבעך אלע אומגעקומען בשנות הזעם הי"ד.

דער **סיגעטער רב ר' זלמן לייב זצ"ל** האט במשך די פערצן יאר וואס ער איז געווען רב אין די שטאט סיגעט, גאר שטארק געהאלטן די שטאט און איר געפירט מיט א שטארקן כח. ער איז געווען געבענטשט מיט געוואלדיגע כוחות פון הנהגה, און ער האט געפירט די עדה הקדושה ברוב השכל ודעת ובתבונה.

דער סיגעטער רב רבי זלמן לייב זצ"ל איז געווען פול מיט יראת שמים, זיין עבודה איז געווען בלהב אש קודש, וואס האט געצויגן אידן פון די נאנט און פון די ווייט צו קומען מיטהאלטן די עבודה. אידן וואס גערדענקען נאך דעם סיגעטער רב רעדן מיט התפעלות פון זיין לעכטיגע צורה, וואס האט גאר שטארק עושה רושם געווען, אפילו די גוים האבן געהאט א יראת הכבוד פאר דעם אידישן רב מיט די הייליגע צורה, און עס איז ממש געווען אין א בחינה פון 'בנות צעדה עלי שור' צו קענען זעהן זיין לעכטיגע צורה.

דער סיגעטער רב איז געווען א שטארקער זייל, און פון די גדולי רבני המדינה. בשנות הזעם האט ער גאר אסאך עוסק געווען אין הצלת נפשות, און זיך מוסר נפש געווען צו העלפן און ראטעווען אידן. ליידער האבן אים די רשעים אוועקגעפירט ווען מען האט דעפארטירט די אונגארישע אידן, און ער איז אומגעקומען על קידוש השם, כ"ה אייר תש"ד לפ"ק.

צוזאמען מיט אים איז נעדר געווארן זיין רביצין ע"ה, און זיינע צוויי קינדער **חיים צבי** און **רחל**.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

# שבת דרך ארץ

די וועלט רופט אן דעם שבת פאר שבועות מיטן נאמען "**שבת דרך ארץ**", דאס איז באזירט אויף די ווערטער פון חכמינו ז"ל וואס לערנען אונז "**דרך ארץ קדמה לתורה**", אז איידער מען גייט צו צום לערנען **תורה** דארף מען האבן **דרך ארץ**, דעריבער איז גאר פאסיג צו לערנען די וואך עטליכע ענינים איבער די מדה פון **דרך ארץ**.

אין די **ספרי מוסר** ווערט געברענגט עטליכע טעמים פארוואס איז דרך ארץ אזוי וויכטיג און חשוב אז חכמינו ז"ל האבן געשטעלט די מדה אלס הקדמה צו די תורה:

חכמינו ז"ל זאגן (שבת דף ק"ד ע"א עי' פירש"י ד"ה משניאי) אז ווען איינער וואס לערנט תורה פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין מיט **דרך ארץ** און גוטע מידות, דער פארשעמט דעם אייבערשטן כביכול, און די תורה הקדושה, ווייל מענטשן טייטלען מיט די פינגער און זאגן 'אט אזוי זעהט אויס איינער וואס לערנט תורה' און דאס איז גורם אז די ערליכע אידן וואס לערנען תורה ווערן דורך אים פאר'מיאוס'ט אין די אויגן פון די מענטשן, דעריבער טאר אזא איינער נישט לערנען קיין תורה.

אין ספר **מעלת המידות** שטייט אז ווער עס האט נישט קיין **דרך ארץ** דער ווערט בכלל נישט גערעכענט ווי א מענטש צווישן מענטשן, נאר ער ווערט באטראכט ווי א חיה פון מדבר, דעריבער איז ער נישט מחויב צו לערנען קיין תורה ווייל ער איז נישט אין די ראמען פון מענטשהייט.

אין שער הקדושה פון רבי **חיים וויטאל** זי"ע (ח"א שער ב') שטייט אז **דרך ארץ** איז די הכנה און דער יסוד פון אלע תרי"ג מצות, ווייל אויב האט מען נישט קיין **דרך ארץ** און איידעלע מידות, אפילו ווען ער וויל יא מקיים זיין מצות קומען אים דאס אן זייער שווער, און מ'טוט עס נישט לשם שמים, אבער אז מען האט **דרך ארץ** מיט מידות טובות דאס העלפט צו אז מען זאל קענען גרינגערהייט מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות.

## דרך ארץ קדמה ליחוס...

**אין ספר כל הכתוב לחיים** (דף קכ"ו) **ווערט דערציילט:**

**צום הייליגן דברי חיים זי"ע דער צאנזער רב איז געקומען צו פארן א יחסן א בנן של קדושים אויף שבועות, אבער דער איד האט זיך נישט אויפגעפירט מיט קיין דרך ארץ און נישט אפגעגעבן קיין כבוד פאר קיינעם, ער האט נאר געוואלט אז מען זאל אים מכבד זיין אלס יחסן.**

**ווען דער הייליגער דברי חיים האט דאס באמערקט האט דאס אים זייער פארדראסן, און ער האט אים צוגערופן און געפרעגט "דו ווייסט אפשר פארוואס דער טאג ב' סיון ווערט אנגערופן "יום המיוחס?" דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן און ער איז געבליבן שטיל.**

**האט אים דער הייליגער דברי חיים געזאגט "ווייל פאר מתן תורה זענען די מיוחסים געווען חשוב, אבער נאך שבועות איז אוועקגעגאנגען דאס חשיבות פון די מיוחסים און עס איז אריבער צו די וואס לערנען, און צו די וואס האבן דרך ארץ און גוטע מידות וואס קומט פאר לערנען, אבער יחוס אליין איז שוין נישט גענוג"...**